Akadeemiline Selts [illegible] Ajaloo ja kirjanduse

tundmaõppimiseks

Laeku-raamat

[illegible]

Alustatud 1924

Lõpetatud —

— Lehti

Eesti NSV
Riiklik Ajaloo Keskarhiiv
ERA
F. nr. 2294 ~~2024~~ Nim. nr. 1 S. nr. 192

תּרמ"ד — תּרפּ"ד

לידער-בּוך

פון

אַקאַדעמישן פאַראיין

פאַר אידישע געשיכטע און ליטעראַטור
אין דאָרפּאַט.

נאטן בּיילאגע

צום זינגען פאַר איינע און צוויי שטימען.

אַרויסגעגעבּן פון ר. זעלמאַנאָוויטש.

דאָרפּאַט, תּרפּ"ד — 1924.

דאָרפּאַטער קהלה-דרוקעריי.

1. Keises tanz.

Text № 10.



John Päivill's schrift edruck in Dorpat, den 12 Feebr. 1924.

1ª Dos lid fun Akadem. Farein.

Text № 3.



2. Mir sainen gekumen....

Text № 6.



2ª Brider, singt sche ale lider.

Text № 6ª





3. Der Becher.

Text N: 11.



4. L'chaim, rebe!

Text № 13.



5. Lomir machn a schnepsl.

Text № 14.





6. Di monopolke.

Text № 15.





7. As der Rebe Elimelech.

Text № 16.



8. As Got wolt mir bascher'n

Text № 17.




I
II
weist ir woss ich wolt ge- macht? weist ir woss ich wolt ge-
macht? Jch wolt gemacht a ma-ga-sin a gro ssen,
un' schoi-reh wi-fil s'geit in im a- rain; di mis-
nagdim, di hul -tajes wolt ich nit far-gu-nen,
dich'si-dim wi-fil s'geit in sei a- rain! A-le- wai! a-le-
wai! a-le- wai, a-le-wai, a-le- wai! A-le-
wai! A-le- wai! A-le- wai, a-le-wai, a-le-
recit
sf
wai! A-le- wai wolt dos e-mes ge- wen!

9. Ich bin mir a Chossid'l.

Text № 18.



10. Dos frehliche Schnaideril.

Text № 21.





11. Seu scheorim

Text № 27.




Mi se me-lech ha- ko- woid a-do-
noj is- suss we-gib boir a- do-
noj gib-boir mil cho- moh Se- u sche-o-rim
ro- schei-chem u- sse- u pis-
chei —— oi-lom we- jo- woi me- lech
hak- ko- woid Mi hu se me-lech ha-
ko- woid. A- do- noj z- wo- ojss hu
me- lech ha- ko- woid se- lo!

12. Moois zur.

Text № 28.



13. A gruss fun Zijon.

Text № 30.




3
nu er-wet uns fi-ren kein Zi-jon irei-
nu lo-mir sin-gen li-der schein mit
greis ge- schmak, zu- rik kein Zi-jon!
cha-sak cha-sak cha-sak! Der Kei-ssel
Ma-ro-wi, der al- ter, steit un kloogt: Kinder,
3
main harz es schlogt es schlogt es schlogt es schlogt! Oi ge-
nug der go-lus, un nit mer, un nit mer,
kumt zurik kein Zi- jon! a- her! a-her! a-



14. Chuschu, achim!

Text № 32.



15. Neiss Zijeinoh.

Text № 33.





16. Jo chaj lili....

Text № 37.



17. Lo bajom w'lo balailah.

Text № 45.



18. Unter di grininke boimalech.

Text № 46.





19. Ich gedeink wie main bobenju... Text № 47.

Andante.







20. Geih ich mir spazieren.

Text № 53.

Andante moderato.





21. Dos hemerel.

Text №.55.



תרמ״ד

חזק
ואמץ

פ א

Akad.-Verein.

Liederbuch

לכבוד דעם 40-יאָריקן יוביליי

פוּן אַקאַדעמישן פאַראיין פאַר אידישע געשיכטע און ליטעראַטור
אין דאָרפּאַט, דעם 24 פעוראַל 1924.

תרמ״ד — XL — תרפ״ד

לידער-בוך

פון

אַקאַדעמישן פאַראיין

פאַר אידישע געשיכטע און ליטעראַטור

אין דאָרפּאַט.

60 שטודענטן- און פאָלקס-לידער
אויף אידיש און העברעאיש, מיט אַ
נאָטן-ביילאַגע.

צונויפגעשטעלט און באַאַרבייט פון
מ. ש. באַסעל.

*

תרפ״ד — דאָרפּאַט — 1924.
ארויסגעגעבן פון ר. זעלמאַנאָוויטש.

Tartu Akadeemilise Juudi Ajaloo ja Kirjanduse õppimiseks Seltsi

Lauluraamat.

Tartu Juudi Kogukonna Trükikoda. — דאָרפּאַטער קהלה-דרוקעריי

לידער-בוך

פון

אקאדעמישן פאראיין

פאַר אידישע געשיכטע און ליטעראַטור

אין דאָרפּאַט.

אינהאלטס-פארצייכניס.

		זייט
	הקדמה	5
.1	התקוה	7
.2	התחיה-ליד	8
	שטודענטן-לידער און טרינק-לידער.	
.3	דאָס ליד פון דעם „אַקאַדעמישן פאראיין"	11
.4	קלים כגלים	13
.4a	ס'לויפן די וועלן	14
.5	פון דעם לאַנד דעם לאַנד דעם קליינעם	15
.6	מיר זיינען געקומען צו אייך	16
.6a	ברידער, ברידער זינגט זשע אלע לידער	16
.7	קרבמבולי	17
.8	Gaudeamus	18
.9	מקבל פנים	19
.10	כוסות טאַנץ	20
.11	דער בעכער	21
.12	גייט אַ גוי אין שיינקל אַריין	23
.13	לחיים, רבי, האָט אַ גוטע וואָך	24
.14	לאָמיר מאַכן אַ שנעפסל	24
.15	די מאָנאָפּאָלקע	25
.16	אַז דער רבי אלימלך	26
	חסידישע און יום-טוב'לידער.	
.17	אַז גאָט וואָלט מיר באַשערען	29
.18	איך בין מיר אַ חסידל	30
.19	פרייטיק אויף דער נאַכט	31
.20	גוט וואָך	32
.21	דער פריילעכער שניידערל	33
.22	דער פילאָזאָף	35
.23	דער רבי האָט געהייסן פריילעך זיין	36
.24	וואָס וועט זיין אַז משיח וועט קומען	37
.25	מאירקע מיין זון	39
.26	דער אויבערשטער איז דער מחותן	40
.27	שאו שערים	41

28. מעוז צור 42

29. אין מיטן פעלד שטייט אַ בוים 43

ציונ׳ס לידער.

30. אַ גרוס פון ציון 47

31. אַהין-אַהין (צי קענסטו דאָס לאַנד) 48

32. חושו, אחים, חושו 49

33. נס ציונה 51

34. יהושע בן נון 52

35. די שבועה 54

36. דאָס ליד פון ברויט. 55

37. שיר העבודה 56

38. גללו הגלילים 57

39. דאָס ליד פון ירושלים 58

40. שם בארץ 59

41. אל טל ואל מטר. 60

42. מה נשמע בארץ. 61

ליריש-ראָמאַנטישע און פאָלקס לידער.

43. שם שועלים יש (בואי נאָ). 65

44. הבה נגילה 66

45. לא ביום ולא בלילה. 67

46. אונטער די גרינינקע בוימעלעך 68

47. מיין באָבעניו 69

48. די בייקע 70

49. האַצקעלע 71

50. די מזינקע אַרויסגעגעבן 72

51. יאָמע, יאָמע 73

52. מאַרגאַריטקאַלעך. 74

53. גיי איך מיר שפּאַצירן 76

54. פון וואַנען נעמט זיך אַ ליבע 77

55. דאָס העמערל 78

קינסטלערישע לידער.

56. גיך וועסטו, פינסטערע נעכטל, אַוועק פליען . . . 81

57. דאָס הערבסט-ליד 82

58. אַ ווינטער-ליד 83

59. די קירכן-גלאָקן 84

60. ברודער, פריינד מייבער 85

הקדמה.

די נויטווענדיקייט פאַר דער אידישער שטודענטנשאַפט אין אַ געדרוקטן אידיש-העברעאישן לידער-בוך, אין וועלכן ס׳זאָלן געפינען אַנ׳אָרט אונזערע פאָלקס- און שטודענטן-לידער, האָט זיך אין דער לעצטער צייט באַזונדערס בולט ארויסגעוויזן.

דער ציל פון דעם בוך איז צו געבן די חברים-שטודענטן אַ זאַמלונג פון לידער, וועלכע זיי זאָלן קענען באַנוצען צום זינגען סיי אין דער חבר׳שער סביבה, סיי ביי פאַרשידענע חגיגות.

אויסער די באַקאַנטע פאָלקס-לידער, וועלכע ווערן עד היום נאָך גע-זונגען ביי אונז, זיינען אין דעם בוך אריינגעקומען: דער אַלגעמיינער שטודענטן-הימן „Gaudeamus“, „דאָס ליד פון אַקאַדעמישן פאַראיין“ (ניי באַאַרבייט פון ח׳ מ. באַסעל), און אַ גרעסערע צאָל אידיש-העברעאישע לידער, וועלכע זיינען אין די לעצטע צייט פּאָפּולער געוואָרן ביי דער אידישער שטודענטנשאַפט. אין דעם בוך זיינען צום ערשטן מאָל אָפּגעדרוקט אויטאָריזירטע פרייע איבער-זעצונגען, ווי „קלים כגלים“ פון ה. י. פּאָרט (ריגע), „ס׳לויפן, ווי וועלן...“ פון פּ. צענציפער (דאָרפּאַט), „ברודער פריינט מיינער...“ פון ל. לעוויטין און צוויי נייע לידער אויפ׳ן מאָטיוו פון די שטודענטישע נגונים: „קרבמבולי“ (פּאָרט), „פון דעם ווייטן לאַנד, דעם קליינעם...“ (צענציפער); אַ חוץ דעם אַ נייע ליד, ספּעציעל געווידמעט דעם „אַקאַדעמישן פאַראיין“ צום 40-יאָריקן יובילייִ „כוסות-טאַנץ“ פון פיליסטער ל. לעוויטין.

די אַלע מחברים זאָגט דאָ דער ועד פון אַקאַדעמישן פאַראיין אַרויס זיין איניגסטן דאַנק.

אַ גרויסן דאַנק זאָגט ארויס דער ועד אָן ה׳ יעקב יאָססעט פאַר זיין באַהילפיק — זיין ביים אַראַנזשירן פון דער נאָטן-ביילאַגע, ווי אויך אָן אַלע חברים וואָס זיינען באַהילפיק געווען ביים צוזאַמענשטעלן דעם מאַ-טעריאַל פאַר׳ן לידער-בוך.

אַ באַזונדערן דאַנק זאָגט דער ועד אַרויס די ח׳ח׳ י. י. פּאַיענסאָן און ל. לעוויטין פאַר זייער הילף ביים רעדאַקטירן דעם לידער-בוך און די ח׳ ח׳ מ. באַסעל און ר. זעלמאַנאָוויטש פאַר די גרויסע אַרבעט, וועלכע זיי האָבן אויסגעפירט, און אַ דאַנק וועלכער עס איז פאַרווירקליכט געוואָרן די אידיי פון ארויסגעבן דעם לידערבוך צום 40-יאָריקן יובילײ פון אקאַדעמישן פאַראיין.

זאָל דאָס בוך זיין פאַר די חברים אַ טרייער פריינט, וועלכער זאָל זיי תּמיד באַגלייטן אין די פריילעכע שעה׳ן פון זייערע שטודענטן-יאָרן און אויך אין שפּעטערן לעבן, ביי אַלע שמחות!

צוליב טעכנישע מניעות איז אונז ניט געלונגן אָפּצודרוקן צו אַלע לידער די נאָטן, ווי אויך אריינגעמען אין בוך אַנדערע לידער, וועלכע ס׳זיינען געווען פאָרויסגעזען ביים צוזאַמענשטעלן פון לידער-בוך. דער ועד האָפט אַז די חברים וועלן אונז מוחל זיין פאַר די מעגלעכע חסרונות פון דעם בוך, וואָס ערקלערן זיך מיט דער קורצער צייט, וועלכע מיר האָבן געהאַט אין אונזער רשות ביים ארויסגעבן דעם בוך צום יובילײ.

דער ועד פון אַקאַדעמישן פאַראיין
אין 1 זמן 1924.

דאָרפּאַט, אדר א׳ תּרפּ״ד.

1. התקוה.

כל עוד בלבב פנימה,
נפש יהודי הומיה,
ולפאתי מזרח קדימה
עין לציון צופיה.

עוד לא אבדה תקותנו,
התקוה הנושנה,
לשוב לארץ אבותינו,
לעיר ציון וירושלים.

כל עוד דמעות מעינינו,
יזלו כגשם נדבות,
ורבבות מבני עמנו,
עוד הולכים אל קברי אָבות.
(עוד לא אבדה...

כל עוד מי הירדן בגאון
מלא גדותיו יזלו,
ולים כנרת בשאון,
בקול המולה יפלו.
(עוד לא אבדה...

כל עוד חומות מחמדנו
לעינינו מופעת
ועל חרבן מקדשנו
עין אחת עוד דומעת.
(עוד לא אבדה...

שמעו אחי, בארצות נודי,
את קול אחד חוזינו,
כי רק עם אחרון היהודי
גם אחרית תקותנו.
(עוד לא אבדה...

2. התחיה-ליד.

ווערטער פון בן-ציון ש-ן.

מיר קומען צו דיר, אונזער פאָלק און מיר בעטן:
אָ, זיי אונז דאָך מוחל אַמאָליגע זינד,
דערהער אונזער ודוי און אונזערע שבועות,
נעם צו יעדן איינעם צו זיך פאַר אַ קינד.

מיר שווערן דיר מקריב צו זיין אינזער לעבן
מיט פריידע פאַרגיסן פאַר דיר אונזער בלוט,
צו ברענגען קרבנות אויף דיין מזבח,
און יונגע נשמות מיט פרייליכן מוט!

מיר שווערן הויך האַלטן די ווייס-בלויע פאָנע
און העלפן דערגרייכן דיין גרויסן דערפאָלג,
מיט שטאָלץ שרייען אויס צו דיר דיינע קינדער:
עס לעבט אונזער יוגענט! עס לעבט אונזער פאָלק!

שטודענטן - לידער
און
טרינק-לידער.

3. דאָס ליד פון „אַקאַדעמישן פאַראיין"

(נאָטן נר׳ 1a)

א.

דו ניט וויין, מיין מאַמע,
וואָס איך פאָר אַוועק!
גאָט איז דאָך אַ גוטער,
ער וועט מיר שיקן אַ גוטן וועג!
טארא בים-באָם בים-באָם בים-באָם..
(4 מאָל.)

ב.

כ׳וועל אין דאָרפּאַט קומען,
אין די געבענטשטע שטאָט,
אין אוניווערזיטעט זיין אָנגענומען,
אויב דאָס וועט וועלן גאָט!
טאראַ בים-באם...

ג.

דו ניט וויין, מיין מאַמע,
איך בעט דיך מאַמע, ניט וויין:
איך וועל דאָך זיין מסתמא
אין אַקאַדעמישן פאַראיין!
טאַראַ בים-באם...

ד.

אוי וואָס פאַר אַ מזל ברכה
איז דער דאָזיגער פאַראיין,
מען לעבט, ווי איין משפחה,
שוין, אַרטיג, שטיל און פיין!
טארא בים-באָם...

ה.

נאָך די רעפּעראַטן
איז לידער גוט צו זינגען
און נאָך די הייסע דעבאַטן —
קאַלטן ביר צו טרינקען.
טאַרא בים-באַם...

ו.

דרום זינגט זשע ברידער, זינגט זשע
שיין, אַרטיג, שטיל און פיין,
דרום טרינקט זשע, ברידער, טרינקט זשע
פאַרן אַקאַדעמישן פאַראיין!
טאַרא בים-באַם...

4. קלים כגלים

קלים כגלים כל ימי חיינו
מיום ליום יקצר לקבר דרכנו
מלא, מלא, החבר, מלא את הכוס
מי ידע אם נוסיף איש אָחיו לראת.

תמות, תקבר והנך כאָין
הרימה תאכלך ולא תשתה עוד יין
מלא, מלא,...

כוס יין נשתה עת באַהבה נצליח,
מרירות האַהבה ביין נשכיח
מלא, מלא,...

כוס יין נשתה עת מגלות נצאה
כוס יין נשתה עת לאַרצנו נבואָה
מלא, מלא,...

*

4a. ס׳לויפן, ווי ווערן...

ס׳לויפן, ווי וועלן, די טעג פון אונזער לעבן,
פון טאָג ווערט וועלט אַלץ קירצער צום קבר די וועגן,
גיסט אָן, גיסט אָן די כּוסות! לחיים, חברים!
איין גאָט ווייס, וואָס ס׳וואַרט אונז אין לעבן פאַראויס...

לאָמיר בעטן, אַלע בעטן, לאָמיר בעטן גאָט!
ערשטן טרינקן צו אַ כּוס, פאַרבייסן מיט אַ שפּראָט!
טרינק! זינג! פריילעך זיי, לאָז קיין מיידל ניט פאַרביי!

ווּעסט שטאַרבן, באַגראָבט מען, ווי קיינמאָל ניט געלעבט
ניט קענען מער טרינקען, ניט זעהען די וועלט,
גיסט אָן, גיסט אָן די כּוסות! לחיים, חברים!
איין גאָט ווייס, וואָס ס׳וואַרט אונז אין לעבן פאַראויס!

לאָמיר בעטן, אַלע בעטן...

איבערזעצונג פון פּ. צעבציפער.

5. פון דעם לאַנד, דעם לאַנד דעם קליינעם.

א.

פון דעם וויטן לאַנד — דעם קליינעם
פון דעם ירדן-טייך דעם שיינעם
קומען מיר אַהער צו גיין
אום צו זעהן די גרויסע וועלט
קומען מיר אַהער צו גיין.

ב.

מיר דערמאָנען דאָ די וועלדער
פול מיט תבואה, געלבע פעלדער
און אין פרעמדן וויטן לאַנד
פירן מיר אַ פריילעך לעבן
טרינקען פאַר דאָס היימאַט לאַנד.

ג.

מיט אַ האָפנונג — אין גיכן
טרינקען מיר דעם ווין דעם זיסן
ערשטער כוס — פאַר אונזער פאָלק
ערשטער כוס פאַר אונזער פאָלק,
און פאַר דעם דעוויז — פאָרויס!
פאָרויס, פאָרויס, פאָרויס, הידד הידד!

*

.7 מיר זיינען געקומען צו אַייך...

(נאָטן נר· 2a.)

מיר זיינען געקומען צו אייך,
אייך פריילעך צו מאַכן;
אַלעס וועלן מיר אָנווענדען,
כּדי איר זאָלט שמייכלען, לאַכן.

טראַ-לאַ, לאַ-לאַ-לאַ, לאַ-לאַ-לאַ
לאַ-לאַ, לאַ-לאַ-לאַ, לאַ-לאַ-לאַ,
טראַ-לאַ, לאַ-לאַ-לאַ, לאַ-לאַ-לאַ
לאַ-לאַ, לאַ-לאַ, לאַ-לאַ-לאַ-לאַ-לאַ.

.7a ברידער, זינגט זשע אַלע לידער!

(נאָטן נר· 2b.)

ברידער, ברידער, זינגט זשע אַלע לידער!
ברידער, ברידער, זינגט זשע אַלע לידער!
לאָמיר זינגען, טאַנצען, שפּרינגען,
לאָמיר לאַכן, תּנועות מאַכן!

יאָ-יאָ ביט וואָר?
יאָ-יאָ ביט וואָר?
טראַם-טאַם-טאַם;
חאַ-חאַ-חאַ-חאַ
חאַ-חאַ-חאַ-חאַ
חאַ-חאַ-חאַ!

8 Gaudeamus.

1. Gaudeamus igitur,
Juvenes dum sumus!
Post jucudam juventutem,
Post molestam senectutem,
Nos habebit humus. (bis)

2. Ubi sunt, qui ante nos
In mundo fuere?
Vadite ad superos,
Transite ad inferos,
Ubi jam fuere. (bis)

3. Vita nostra brevis est,
Breve finietur.
Venit mors velociter,
Rapit nos atrociter
Nemini parcetur. (bis)

4. Vivat academia,
Vivant professores!
Vivat membrum quodlibet,
Vivant membra quaelibet,
Semper sint in flore! (bis)

5. Vivant omnes virgines,
Faciles, formosae!
Vivant et mulieres,
Tenerae, amabiles,
Atque laboriosae! (bis)

6. Vivat et respublica
Et qui illam regit!
Vivat nostra civitas,
Maecenatum caritas,
Qui nos hic protegit! (bis)

7. Pereat tristitia,
Pereant osores!
Pereat diabolus,
Quivis antisemiticus,
Atque irrisores! [bis]

9. מקבל פנים.

א. לאָמיר אַלע אינאײנעם, אינאײנעם,
דעם פאַראײן מקבל פנים זײן,
דעם פאַראײן מקבל פנים זײן!

לאָמיר אַלע אינאײנעם,
לאָמיר אַלע אינאײנעם,
נעמען אַ ביסעלע װײן!

פזמון: און לאָמיר לוסטיק זײן,
און לאָמיר טרינקען,
אַז יעדער איד זאָל זײן
פאַר זיך אַ בעל הבית. (2 מאָל)

ב. לאָמיר אַלע אינאײנעם, אינאײנעם,
די פיליסטערס מקבל פנים זײן!
א. א. װ.

ג. לאָמיר אַלע אינאײנעם, אינאײנעם,
די געסט מקבל פנים זײן!
א. א. װ.

ד. לאָמיר אַלע אינאײנעם, אינאײנעם,
די חברים מקבל פנים זײן!
א. א. װ.

ה. לאָמיר אַלע אינאײנעם, אינאײנעם,
ציון מקבל פנים זײן!
א. א. װ.

10. כוסות-טאנץ.

ווערטער און נגון פון ל. לעוויטין.

(געווידמעט דעם „אַקאַדעמישן פאַראיין" צום 40 יאָריקן יובילעאום)

(נאָטן נר׳ 7)

עס לויפט, עס לויפט, עס לויפט דאָס לעבן — שנעל אַוועק, —
טאָ טרינק-זשע, טרינק-זשע, טרינק-זשע, ברודער, ביזן דעק,
עס לויפט, עס לויפט, עס לויפט דאָס לעבן — שנעל אַוועק,—
און ווען דאָס לעבן האָט געגעבן — טרינק ביזן דעק!

ווען ס׳דריקט, עס דריקט, עס דריקט דאָס לעבן אָן א מאָס,
דאַן ווערט עס, ווערט עס, ווערט עס פרייער בײַ אַ כוס,
ווען ס׳דריקט, עס דריקט, עס דריקט דאָס לעבן אָן א מאָס,
פאַרגעס אָן צער, פאַרגיס די צרות מיט א כוס!

אָ, לעב, אָ, לעב, אָ, לעב, כל זמן דו ביסט נאָך יונג
און נעם, און נעם, און נעם ווען ס׳מאַכט זיך, נעם אַ שלונג
אָ, לעב, אָ, לעב, אָ, לעב, כל זמן דו ביסט נאָך יונג
אַז ס׳האָט געמאַכט זיך — ניט פאַרטראַכט זיך: נעם אַ שלונג!

עס ציהט, עס ציהט, עס ציהט די וואָך זיך לאַנג און גרא
דער יום-טוב, יום-טוב, יום-טוב דויערט נאָר אַ שעה
עס ציהט, עס ציהט, עס ציהט די וואָך זיך לאַנג און גראָ
טאָ טרינק און זינג און פריי זיך ברודער האָץ די שעה!

דו שפין, דו שפין דיין לעבנס פאָדים, שפין און וועב
און טרינק, און טרינק, דערבײַ לחיים, חיים-לעב
דו שפין, דו שפין דיין לעבנס פאָדים, שפין און וועב
דו שפין דערבײַ אים, און לחיים טרינק, און לעב!

11. דער בעכער.

(נאָטן נר׳ 3b).

1. טייערע מלכה —
געזונט זאָלסט דו זיין!
גיס אָן דעם בעכער,
דעם בעכער מיט וויין.

בים-באָם! בים-באָם!
בים-באָם! בים-באָם!

2. פון דעם דאָזיגען בעכער, —
ער גלאַנצט אַזוי שיין, —
האָט געטרונקען מיין זיידע,
מיין זיידע אַליין.

בים-באָם! א. א. וו.

3. ס׳איז געווען שלעכטע צייטן,
ווי עס מאַכט זיך אַמאָל,
נאָר דעם בעכער האָט ער געהאַלטן —
אייזען און שטאָל!

בים-באָם! א. א. וו.

4. טייערע מלכה, —
געזונט זאָלסט דו זיין!
פאַר וועמען זאָל איך טרינקען
דעם דאָזיגען וויין?

בים-באָם! א. א. וו.

5. לחיים וויל איך טרינקען
פאַר דעם פּינטעלע איד,
וואָס מוטשעט זיך תמיד
און ווערט קיינמאָל ניט מיד!

בים-באָם! א. א. וו.

6. לחיים וויל איך טרינקען,
אוּן טאַקי אָן איין עק,
פאַר די וואָס זיינען געפאָרן
אויף אייביג אַוועק.

בּים-בּאָם! א. א. וו.

7. איך וואָלט טרינקען פאַר מיינע שונאים,
נאָר זאָג זיי ניט אויס!
קוּק — טרערן שפּריצן פוּן בּעכער,
פוּן בּעכער אַרויס!

בּים-בּאָם! א. א. וו.

8. זינגט העכער און העכער:
גאָט, דו בּיזט גרויס!
בּאַהאַלט מלכּה, דעם בּעכער,
דאָס לידל איז אויס!

בּים-בּאָם! א. א. וו.

חברים, שטודענטן,
געזונט זאָלט איר זיין,
טרינקט אויס דעם בּעכער,
דעם בּעכער מיט וויין!

בּים-בּאָם! בּים-בּאָם!
בּים-בּאָם! בּים-בּאָם!

12. גייט אַ גוי אין שיינקל אריין

(נאָטן נר׳ 4).

א.

גייט אַ גוי אין שיינקל אריין,
אין שיינקל אריין, אין שיינקל אַריין,
טרינקט ער אויס אַ פעסעלע וויין,
אַ פעסעלע וויין, אַ פעסעלע וויין.
אָי! אָי! אָי! שכור איז אַ גוי!
שכור איז ער, טרינקען מוז ער,
ווייל ער איז אַ גוי.

ב.

גייט אַ איד אין שולכל אַריין,
אין שולכל אַריין, אין שולכל אַריין,
כאַפּט ער דאָרט אַ קדושה אַריין,
אַ קדושה אַריין, אַ קדושה אַריין,
אָי! אָי! אָי! א. א. וו.

ג.

גייט אַ גוי פון שיינקל ארויס,
פון שיינקל אַרויס, פון שיינקל ארויס,
ברעכט ער דאָך די שויבן אויס,
די שויבן אויס, די שויבן אויס.
אָי! אָי! אָי! א. א. וו.

ד.

גייט אַ איד פון שולכל ארויס,
פון שולכל אַרויס, פון שולכל אַרויס
גיט ער דאָך צדקה אויס,
צדקה אויס, צדקה אויס.
אָי! אָי! אָי! א. א. וו.

13. לחיים רבי.

(נאָטן נר׳ 5.)

לחיים רבי, האָט אַ גוטע וואָך!
שרייט יעדערער באַזונדער; אָך, אָך!
קיין משקה ניט געזשאַלעוועט,
לאָמיר טרינקן נאָך,
מיר האָבן אויסגעבעטן
אַ גוטע וואָך. (2 מאָל)

14. לאָמיר מאַכן אַ שנעפּסל.

(נאָטן נר׳ 6)

א.

לאָמיר מאַכן אַ שנעפּסל,
כל זמן מען איז ביים לעבן;
איה״ש אויף יענער וועלט
ועט מען דאָס ניט געבן.
טראלא, לא, לא, א. א. וו. (4 מאָל)

ב.

ס׳איז ניטאָ קיין נעכטן,
ס׳איז ניטאָ קיין מאָרגן;
ס׳איז נאָר דאָ אַ פּיצעלע היינט,
שטערט עס ניט מיט זאָרגן.
טראלא א. א. וו.

ו.

לאָמיר מאַכן אַ שנעפּסל,
כל זמן מען איז ביים לעבן;
איה״ש אויף יענער וועלט
וועט מען דאָס ניט געבן.
טראלא... א. א. וו.

15. די מאָנאָפּאָלקע.

(נאָטן נר׳ 7)

א.

זינט די מאָנאָפּאָלקע איז אויף דער וועלט,
בין איך שטענדיק אויף איר אין כּעס.
זי קאָסט מיר אָפּ אַ סך מיט געלט,
און טרינקן טרינק איך אָן אַ מאָס.
איך קלאַפּ די בוטעלע מיט דער האַנט,
כּדי דער שטיפּיק זאָל אַרויס:
צוברעכט זיך די בוטעלע אין דער האַנט,
און די בראַנפן גיסט זיך אויס . . .
טירים-בים . . . א. אַ. וו.

ב.

57 איז פאַר מיר צו שוואַך,
עס הויבט ניט אָן צו רירען;
97 איז פאַר מיר צו שטאַרק,
איך קען זיך אַזוי הויך ניט פירען.
איך האָב די בוטעלע אַהיים געבראַכט
און אַוועקגעלייגט צוקאָפּן,
איז אויפגעשטאַנען מיין פלנית׳טע ביי דער נאַכט
און האָט אויסגעטרונקן ביז אַ טראָפּן . . .
טירים-בים . . . א. אַ. וו.

ג.

רבונו של עולם, איך בעט ביי דיר, —
און דאָס איז דאָך דיין כּח —;
עס זאָל תּמיד רעגענען בראַנפן און ביר
און ביי מיר זאָל זיך דרייען דער מח.
בראַנפן און ביר זאָל שטיין ביי מיין טיר,
ווייל דאָס איז דאָך דער עקר;
און אויף מיין קבר זאָל שטיין געשריבען:
„דאָ ליגט אַ גרויסער שכור״.
טיריבים- בים . . . א. אַ. וו.

16 אַז דער רבי אלימלך.

(נאָטן נר׳ 8.)

א.

אַז דער רבי אלימלך
איז געוואָרן אַ ביסעלע פריילעך,
איז געוואָרן אַביסעלע פריילעך אלימלך,
האָט ער אויסגעטאָן די תּפילין
און האָט אויסגעווישט די ברילן
און געשיקט נאָך די פידלען די צוויי.
און די פידל׳דיגע פידלען
האָבן פידל׳דיק געפידלט,
האָבן פידל׳דיק געפידלט האָבן זיי.

ב.

אַז דער רבי אלימלך
איז געוואָרן נאָך מער פריילעך
איז געוואָרן נאָך מער פריילעך אלימלך,
האָט ער אויסגעטאָן דעם קיטל,
און האָט אנגעטאָן די היטל,
און געשיקט נאָך די פייקלען די צוויי.
און די פייקל׳דיקע פייקלען
האָבן פייקל׳דיק געפייקלט,
האָבן פייקל׳דיק געפייקלט האָבן זיי. (2 מאָל)

ג.

און אַז דער רבי אלימלך
איז געוואָרן גאָר שטארק פריילִיך,
איז געוואָרן גאָר שטארק פריילִיך אלימלך,
האָט ער אָפּגעמאַכט הבדלה
און דעם שמש׳ל נפתּלי
האָט ער געשיקט נאָך די צימבלען די צוויי.
און די צימבל׳דיקע צימבלען
האָבן צימבל׳דיק געצימבלט,
האָבן צימבל׳דיק געצימבלט האָבן זיי.

חסידישע און יום־טוב׳לידער.

17. אז גאָט וואָלט מיר באַשערן...

א.

אַז גאָט וואָלט מיר באַשערן מיט זיין שפע,
ווייסט איר וואָס איך וואָלט געמאַכט? (2 מאָל)
איך וואָלט געמאַכט אַ מאַגאַזין אַ גרויסן
מיט סחורה, וויפיל ס׳גייט אין אים אריין;
די מתנגדים—די הולטייעס וואָלט איך ניט פארגונען,
די חסידים — וויפיל ס׳גייט אין זיי אריין!
הלואי (5 מאָל)
הלואי (5 מאָל)
הלואי וואָלט דאָס אמת געווען.

ב.

אז גאָט וואָלט מיר באַשערן מיט זיין שפע,
ווייסט איר וואָס איך וואָלט געמאַכט? (2 מאָל)
איך וואָלט געמאַכט אַ קוגל אַ גרויסן
מיט ראָזינקעס, וויפיל ס׳גייט אין אים אריין;
די מתנגדים—די הולטייעס וואָלט איך ניט פארגונען.
די חסידים, וויפיל ס׳גייט אין זיי אריין!
הלואי א. אַ. וו.

ג.

אז גאָט וואָלט מיר באשערן מיט זיין שפע,
ווייסט איר וואס איך וואלט געמאכט? (2 מאָל)
איך וואָלט געמאכט אַ בית-עולם אַ גרויסן
מיט קברים, וויפיל ס׳גייט אין אים אריין,
די מתנגדים — די הולטייעס וואָלט איך ניט פארגונען,
די חסידים, וויפיל ס׳גייט אין זיי אריין!
הלואי א. אַ. וו.

18. איך בין מיר אַ חסיד׳ל.

(נאָטן נר׳ 9)

א.

איך בין מיר אַ חסיד׳ל, אַ פריילּיכע בריה,
איך בין מיר אַ חסיד׳ל גאָר אָן אַ פּיה,
איך בין מיר אַ חסיד׳ל אַ חסידאַק,
און איך מאַך מיר: האָפּ, טשיק, טשאַק!

ב.

באָרוועס גיי איך ארום, צוריסען,
און אין שטוב איז ניטאָ קיין ביסען,
איך בין מיר אַ חסיד׳ל אַ חסידאַק,
און איך מאַך מיר: האָפּ, טשיק, טשאַק!

ג.

גאָר אין לאַטעס איז מיין קאַפּאָטע,
און אין שטוב איז פול מיט בלאָטע,
איך בין מיר אַ חסיד׳ל אַ חסידאַק,
און איך מאַך מיר: האָפּ, טשיק, טשאַק!

ד.

פסח צום סדר איז זייער פריילעך,
די ווייב איז אַ מלכה און איך בין אַ מלך,
דעק איך זיך צו מיט׳ן בולבע-זאַק,
און איך מאַך מיר: האָפּ, טשיק, טשאַק!

19. פרייטיק אויף דער נאַכט.

א.

פרייטיק אויף דערנאַכט,
ווען איך קום פון שול אַהיים צוגיין,
זיצט מיין ווייבעלע און לאַכט,
און זעט אויס מלא חן.

און די חלה׳לעך צוגעדעקט
מיט אַ סערוועטקע, וואָס עס לאַכט,
און זער ווייס ווי דאָס שמעקט,
פרייטיק אויף דער נאַכט.

פזמון; אוי פרייטיק אויף דער נאַכט
איז אַ יעדער איד אַ מלך,
אין יעדער ווינקעל לאַכט,
און די גאַנצע שטוב איז פריילעך.

ב.

(1 טייל)

נאָך דעם קדוש אַ שטיקל פיש,
וואָס מיין ווייבעלע האָט געמאַכט,
איז זי ווערט אין פיסקעלע אַ קוש,
פרייטיק אויף דער נאַכט.

פזמון: אוי פרייטיק . . .

ג.

(1 טייל)

נאָך די לאָקשן און די יאיך,
איז אַ שטיקל פלייש אַ פראַכט,
נאָך דעם צימעס אַ גלעזעלע וויין,
פרייטיק אויף דער נאַכט.

פזמון: אוי פרייטיק . . .

20 גוט וואָך!

א.

המבדיל בין קדש לחול,
חטאתינו הוא ימחול.
זרעינו וכספנו
ירבה כחול
וככוכבים בלילה.
גוט וואָך, גוט וואָך
אַ גוטע וואָך. אַ גוטע וואָך! (2 מאָל)

ב.

המבדיל בין קדש לחול
וואָס טוט מען, עס גייט גאָר ניט וואויל!
זרענו פאראָן, וכספנו- אַ ני,
דאָס שטיקל ברויט קומט אָן מיט מי.
גוט וואָך, גוט וואָך
אַ גוטע וואָך, אַ גוטע וואָך! (2 מאָל)

ג.

יום פנה, דער שבת אוועק,
אזוי ווי אַ שטן פון בוים.
פון אַלע שפייזן ניט געבליבן קיין זוים,
און באַלד, ווייי אָך!
קומט די גליקלעכע וואָך.
גוט וואָך, גוט וואָך,
אַ גוטע וואָך, אַ גוטע וואָך. (2 מאָל)

21. דער פריילעכער שניידערל.

(נאָטן נר. 10)

אַז די יום-טוב׳דיגע טעג הויבן זיך אָן צו באַווייזן,
ווער איך ביי מיר אַ גדול
איך לייג אַוועק מיין שער און מיין אייזן
און וואו איך האָב ביי מיר נאָר אַ נאָדל.
אויפגעהערט נייען, אַרבעט זוכן,
האַרצעדיגער טאַטע,
אַ ביסעלע וויין און יום-טוב צו פאַרזוכן
איז בעסער, ווי צו לייגן אַ לאַטע.

אַז דער יום-טוב קומט, ווערט מיר אַ ביסל
פריילעך אַף דער נשמה,
בפרט אז גאָט גיט, ס׳איז דאָ אין שיסל,
ווערט דאָס לעבן אַ נחמה.
דאָס האַרץ איז זיך פשוט טאַקע מחיה —
ניטאָ קיין גריזאָטע,
חנה טוט אָן מלבושים נייע
און איך מיין קאַפּאָטע.

די קינדער זאָגן, ס׳איז טאַקע אַ חדוש,
זיי שפּילן אקה און מקה.
נאָכ׳ן שול מאַך איך אַ גוטן קדוש
און פאַרבייס מיט קאָרענעם לעקעך.
צו די פיש האָב איך קיין טענה
זיי זיינען גוט געפעפערט און געזאַלצן,
אַז מ׳נעמט זיי אין מויל, לעבן זאָל חנה,
ווערן זיי אין מויל צערשמאָלצן.

דאָס גלעזעלע וויין איז לויטער ווי דער הימל,
עס וואַרעמט ווי אַ פעלץ אין ווינטער.
נאָכ׳ן עסן כאַפּ איך אַ גוטן דרעמל
און חנה כאָרכלט אונטער.
דאָ כאַפּ איך מיך אויף, ס׳איז ניט קיין וואונדער,
מ׳טאָר קיין צייט פאַרלירען,
נעם איך מיר חנה און ביידע קינדער
און גיי מיר אויפ׳ן שליאַך שפּאַצירען.

באַלד טרעף איך אונזער קאָמאַנדע דאָרטן,
מ׳רעט פון דער מלחמה,
ווי מען מאַכט פושקעס אַלערליי סאָרטן
מ׳לייגט מענשן אין דער אדמה.
מען פאַרגיסט בלוט אָן רחמנות,
מענשן קוילענען מענשן
היינט זאָגט׳ זשע מיר טאַקע באמנות,
צו קען אַזוינס גאָטעניו בענטשן?

כאָטש אין דער מלחמה פאַרשטיי איך מיר ווייניג,
וואָס איז דאָ צו שמועסן,
אַז איך וואָלט געווען דער פּרייסישער קעניג
וואָלט איך פאַרבאָטן צו שיסן,
איך וואָלט ניט דערלאָזט, אַזעלכע רציחות,
כ׳וואָלט געזאָגט אָן מורא:
אָנשטאָט זיך צו שלאָגןביידע מלוכות,
בעסער גיין צו אַ דין-תּורה.

באַלד גייען מיר צו גאַסט צו אונזערע שכנים
מען רעט זיך אויס דאָס האַרץ צו ביסלעך,
ווי מיר וועלן זיין אין ציון אינאיינעם,
מ׳רעט און מען קנאַקט זיך ניסלעך.
אוי איך וועל אייך זאָגן, טייערע קינדער,
די מעשה איז ניט קיין נייע,
אַז גאָט וויל מאַכט ער די גרעסטע וואונדער
ביי זיך אין דער מאַסטערסקאַיע.

אָבער די יום-טוב׳דיגע טעג פאַרגייען, —
האַרצעדיקער טאַטע, —
ווידער שניידן, ווידער נייען,
ווידער לייגן אַ לאַטע.
ווידער ציט זיך דאָס אַלטע לעבן,
ווידער שטיוול רייסן;
אוי, ווי, חנה, סערדצע לעבן
צו האָסטו ניט וואָס צו פאַרבייסן?

*

22. דער פילאָזאָף.

א.

קום אַהער, דו פילאָזאָף,
מיט דיין קעצעשן מח׳ל,
קום אַהער צום רבי׳נס טיש
און לערן זיך דאָ שכל.
בים באַ באָם א. א. וו.

ב.

אַ דאַמף־שיף האָסטו אויסגעטראַכט
און נעמסט דערמיט זיך איבער,
דער רבי שפּרייט זיין טיכל אויס —
און גייט דעם ים אַריבער...
בים באַ באם א. א. וו.

ג.

אַן איִיזן-באַן האָסטו אויסגעטראַכט,
און מיינסט — דו ביסט אַ חרוץ,
דער רבי שפּאַט, דער רבי לאַכט —
ער דאַרף דאָס אויף כּפּרות.
בים באַ באָם א. א. וו.

ד.

צו ווייסטו דען, וואָס דער רבי טוט
בעת ער זיצט ביחידות? —
אין איין מינוט אין הימל ער פליט,
און פּראַוועט דאָרט שלוש-סעודות.
בים באַ באם א. א. וו.

*

23. דער רבי האָט געהייסן פריילעך זיין.

דער רבי האָט געהייסן פריילעך זיין,
טראַ-לאַ-לאַ-לאַ-לאַ-לאַ-לאַ-לאַ,
טרינקען בראָמפן און ניט קיין וויין,
טראַ-לאַ-לאַ-לאַ-לאַ-לאַ-לאַ-לאַ.

יאשקע, יאשקע,
שפּאַן דעם לאָשעק,
לאָמיר גיכער לויפן!
טאָמער וועט ער
זיך אָפּשטעלן,
וועלן מיר אים ניט קויפן!

*

24. וואָס וועט זיין אז משיח וועט קומען?

א.

זאָג זשע, רבי'ניו, וואָס וועט זיין,
אַז משיח וועט שוין קומען?

אַז משיח וועט קומען,
וועלן מיר מאַכן אַ סעודה'ניו!

וואָס וועלן מיר עסן אויף דער סעודה'ניו?
דעם שור הבר מיט'ן לויתן! (2 מאָל)
דעם שור הבר מיט'ן לויתן וועלן מיר עסן
אויף דער סעודה'ניו.

ב.

וואָס וועלן מיר טרינקען אויף דער סעודה'ניו?
דעם יין המשומר! (2 מאָל)
דעם יין המשומר וועלן מיר טרינקען,
דעם שור הבר מיט'ן לויתן וועלן מיר עסן
אויף דער סעודה'ניו.

ג.

ווער וועט אונז תורה זאָגן אויף דער סעודה'ניו?
משה רבינו! (2 מאָל)
משה רבינו וועט אונז תורה זאָגן,
דעם יין המשומר...

א. א. וו.

ד.

ווער וועט אונז שפּילן אויף דער סעודה'ניו?

דוד המלך! (2 מאָל)

דוד המלך וועט אונז שפּילן,

משה רבינו וועט אונז תּורה זאָגן,

דעם יין המשומר...

א. א. וו.

ה.

ווער וועט אונז חכמות זאָגן אויף דער סעודה'ניו?

שלמה המלך! (2 מאָל)

שלמה המלך וועט אונז חכמות זאָגן

דוד המלך וועט אונז שפּילן...

א. א. וו.

ו.

ווער וועט אונז טאַנצן אויף דער סעודה'ניו?

מרים הנביאָה! (2 מאָל)

מרים הנביאָה וועט אונז טאַנצן,

שלמה המלך וועט אונז חכמות זאָגן,

דוד המלך וועט אונז שפּילן,

משה רבינו וועט אונז תּורה זאָגן,

דעם יין המשומר וועלן מיר טרינקען,

דעם שור הבר מיט'ן לויתן וועלן מיר עסן

אויף דער סעודה'ניו.

*

25. מאיר׳קע מיין זון!

מאיר׳קע, מיין זון! מאיר׳קע, מיין זון;
מאיר׳קע, מיין זון!
צי ווייסטו, ווער דו ביזט? (2 מאָל)
— הנני העני ממעש, טאַטעניו! (3 מאָל).

מאיר׳קע, מיין זון! (3 מאָל)
צי ווייסטו, פאַר וועמען דו שטייסט? (2 מאָל)
— לפני מלך מלכי המלכים, טאַטעניו! (3 מאָל)

מאיר׳קע, מיין זון; (3 מאָל)
וואָס וועסטו אויסבעט׳ן ביי אים? (2 מאָל)
— בני, חיי, מזוני, טאַטעניו! (3 מאָל)

מאיר׳קע, מיין זון! (3 מאָל)
אויף וואָס דאַרפסטו בני? (2 מאָל)
— בנים עוסקים בתורה, טאַטעניו! (3 מאָל)

מאיר׳קע, מיין זון! (3 מאָל)
אויף וואָס דאַרפסטו חיי? (2 מאָל)
— כל החיים יודוך, טאַטעניו! (3 מאָל)

מאיר׳קע, מיין זון! (3 מאָל)
אויף וואָס דאַרפסטו מזוני? (2 מאָל)
— ואָכלת ושבעת וברכת, טאַטעניו! (3 מאָל)

26. דער אויבערשטער איז דער מחותּן.

א.

דער אויבערשטער איז דער מחותּן,
די תּורה איז די כּלה,
משה רבינו איז דער שדכן געווען,
דער אָרימער ישראל'יק
איז דער חתן דער שיינער,
אויף דעם הייליגן באַרג סיני
איז די תּנאים ·געווען, —

עס פליען אידעלעך, זינגען לידעלעך,
יעדער שרייט באַזונדער:
חתן'ס צד, כּלה'ס צד: „מזל טוב".

ב.

דעק אויף דיין דעקטוך, דו טייערע כּלה,
בעווייז אונז דיין פּנים, מיר ווילן דיך זעהן!
זעט נאָר איר אידן און קוקט צו איר אַלע:
דאָס איז די אמונה די כּלה געווען!

עס פליען אידעלעך, א. א. וו.

*

27. שאו שערים.

(נאָטן נר׳ 11.)

שאו שערים ראשיכם
והנשאו פסחי עולם
ויבא מלך הכבוד.

מי זה מלך הכבוד
ה׳ עזוז וגבור
ה׳ גבור מלחמה.

שאו שערים ראשיכם
והנשאו פסחי עולם
ויבא מלך הכבוד.

מי הוא זה מלך הכבוד
ה׳ צבאות הוא מלך הכבוד סלה.

*

28. מעוז צור.

(נאָטן נר׳ 12.)

א.

מעוז צור ישועתי,
לך נאה לשבח.
תכון בית תפילתי,
ושם תודה נזבח.
לעת תכין מטבח,
מצר המנבח.
אז אגמור, בשיר
מזמור חנוכת המזבח.

ב.

רעות שבעה נפשי,
ביגון כחי — כלה.
חיי מררו בקשי,
בשעבוד מלכות עגלה.—
ובידו הגדולה,
הוציא את הסגלה.
חיל פרעה וכל זרעו,
ירדו כאבן במצולה.

ג.

דביר קדשו הביאני,
וגם שם לא שקטתי.
ובא נוגש והגלני,
כי זרים עבדתי,
ויין רעל מסכתי.
כמעט שעברתי,
קץ בבל, זרבבל,
לקץ שבעים נושעתי.

ד.

כרות קומת ברוש,
בקש אגגי בן-המדתה,
ונהיתה לו למוקש,
וגאותו נשבתה.
ראש ימיני נשאת,
ואויב שמו מחית,
רב בניו, וקניניו,
על העץ תלית.

ה.

יונים נקבצו עלי,
אזי בימי חשמנים,
ופרצו חומות מגדלי,
וטמאו כל השמנים.
ומנותר קנקנים,
נעשה נס לשושנים,
בני בינה, ימי שמונה,
קבעו שיר ורננים.

29. אין מיטן פעלד שטייט אַ בוים.

אין מיטן פעלד שטייט אַ בוים,
און איז איינגעבויגן;
פאָרט אַ איד קיין ארץ-ישראל
מיט פאַרוויינטע אויגען:

גאָט, מיין גאָט! גאָט, מיין גאָט!
לאָמיר דאַוונען מנחה!
בשעת מיר וועלן פאָרן קיין ארץ-ישראל
וועט זיין אַ גרויסע שמחה!
(ביס!)

ציון׳ס-לידער.

30. אַ גרוס פון ציון.

(נאָטן נר׳ 13)

אַ גרוס פון ציון האָבן מיר געבראַכט:
דער גאָט פון אברהם אבינו
וועט אונז פירן קיין ציון עירנו,
לאָמיר זינגען לידער שיין מיט גרויס געשמאַק:
צוריק קיין ציון! חזק, חזק, חזק!
דער כתל מערבי דער אַלטער וויינט און קלאָגט:
קינדער, מיין האַרץ עס קלאפט, עס שלאָגט, עס שלאָגט, עס שלאָגט
אָוי, גענוג דער גלות, און ניט מער! און ניט מער!
לויפט צוריק קיין ציון, אַהער! אַהער! אַהער!
אַ גרוס פון ציון האָבן מיר געבראַכט!!!

*

31. אַהין-אַהין..

צי קענסטו דאָס לאַנד, וואו אתרוגים בליען,
ציגען עסן באָקסאָר, ווי גראָז, ווי גראָז,
געבראָטענע גענזלעך, קאַטשקעס פליען
און צמוקים-ווײַן טוט פליסן, אָן אַנ׳עק און אָן אַ מאָס,

און מיט לולבים, מיט לולבים טוט מען דעכער דעקן,
און מאַנדלען, און מאַנדלען וואַקסן אויף יעדן שטעקן.—
אוי אַהין, אַהין, אַהין! אוי רבי׳ניו, געוואַלד, געוואַלד,
וואָלט איך געוואָלט אַוועק, אַוועק — אוי, כאַטשביק באַלד!

צי ווייסט איר דעם באַרג, וואו משיח צדקנו
וועט קומען אויפן שיינעם ווייסן פערד,
און ער וועט מאַכן אַ תקיעה גדולה
און וועט ארויסרופן די מתים פון דער ערד,

און וועט פירן, און וועט פירן, דאָס ליבע פאָלק ישראל
אין דאָס לאַנד, אין דאָס לאַנד, וואָס איז יעצט ביי ישמעל —
אוי אַהין, אַהין, אַהין! אוי, רבי׳ניו, געוואַלד, געוואַלד,
וואָלט איך געוואָלט אַוועק, אַוועק, — אוי כאַטשביג באַלד!

*

32. חושו, אחים, חושו!

(נאָטן נר׳ 14)

חושו, אַחים, חושו!
  נרימה פעמנו!
טושו, אַחים טושו
  לארץ הורתינו!
לא לנו המנוחה
  לא לנו המרגוע
בארץ הקרוחה
  משלטון האזרוע!
חושו, אַחים, חושו
  נרימה פעמנו!
טושו, אחים טושו
לארץ הורתינו!

א.

רעי בי יהתלו:
מה-לך ארץ מורשה?
שם איים יילילו —
תור לך ארץ חדשה!
חושו, אחים...

ב.

אל נא פתאים תתלוצצו;
אל נא בנים שוכחי אם!
פן בכם, אוי, יפרצו
צוררנו, צוררי שם...
חושו, אחים...

ג.

אמי בי מפצרת:
אנא בני אל תשליכני!
בלתך אני, אויה, נשארת
אמללה, מי יתמכני?
חושו, אחים...

ד.

אל נא אמי היקרה,
אל נא בי תפצרי!
אל יחליצך מכל-צרה,
אותי נא בל תעצרי!
חושו, אחים...

ה.

שאו נס ציונה
אל עירנו החמודה!
כי על כנפי יונה
נעלה הרי יהודה!
חושו, אחים..

*

33. נס ציונה.

(נאָטן נר׳ 15.)

א.

שאו ציונה נס ודגל,
דגל מחנה יהודה —
מי ברכב, מי ברגל,
נעש נא לאגודה.
יחד נלכה נא נשובה
ארצה אבותינו,
אל ארצנו האהובה.
ערש ילדותנו.

ב.

שובו, שובו, ממרחקים
ארצה, ארץ אבות,
נוסו, נוסו ממעמקים
בעזרת שוכן ערבות.
אָז עם נהיה כמו היינו
מנו יתד פנה,
אָז אך שחוק ימלא פינו
ולשוננו — רנה.

ג.

רוח יואב תלבישנו
רוח גבורת צדקה,
בעד עמנו, בעד ארצנו
חזקו ונתחזקה
אַל נא יבא מרך בנו
מפני חרב יונה —
נקח לנו מה שלנו,
נשא נס ציונה!

34. „יהושע בן-נון“

פון מוסאָרגסקי׳ס אָראַטאָריע „איסוס נאַווין“

גאָט הייסט — און יהושע
וועט דעם שטארקן פיינד פאַרניכטן,
ער וועט שלאָגן דעם אמורי,
וועלכע לעסטערן די תּורה...
חזק, חזק, חזק!...
ס׳וועט דער פיינד אין גיכן פאַלן
חזק, חזק, חזק...
מיט די מויערן פון יריחו.
אויף די הויכע בערג כּנען
שטאָלץ וועט שטיין דער אָרון-קדש...
האָט קיין מוראָ!
אין שלאַכט!
הללו לאלהים, אלהי הכּל —
הללויה!

איבערזעצונג פון ריוועסמאַן.

*

34a. „יהושע בן-נון".

כה אמר אֲדני:
השמד תשמיד האמרי
ובחרב תפקוד עליו,
כי משפטי לא ידעו,
חזק, חזק, חזק!
נפלו חומות בת-יריחו,
חזק, חזק, חזק!
וקרב יום אידם בגבעון,
וארון הברית יופיע,
ועלה על כל במות כנען,
רק, חזק, חזק, אמץ!
הללו לאלהים,
אלהי הכל —
הללויה!

תרגום שאול טשרניחובסקי.

*

35. די שבועה.

מיר הויבן די הענט קעגן מזרח און שווערן
פאַר ציון, איר פאָן און איר הייליגער ערד.
ביי אַלץ, וואָס מיר ליבען, וואָס טייער מיר ערען,
ביי אונזערע העלדנס צובראָכענעם שווערד.

ביי אונזער געשיכטע, וואס איז אָנגעשריבען
מיט אונזערע טרערן, מיט אונזער בלוט,
ביי אַלץ, וואָס מיר שווערן דאָס פאָלק הייס צו ליבען
און קעמפן פאַר אים מיט ענערגיע, מיט מוט.

מיר שווערען אים ליבע, מיר שווערן אים טרייהייט,
צוריק דאָס געווער ניט צו לייגן פון האַנט,
ביז וואַנען מיר וועלען ערקעמפן אים פרייהייט
אַ רוהיגעס לעבן אויף אייגענעם לאַנד.

מיר שווערן צורייסן די קייטן אויף שטיקער
פון זיינע געבונדענע וואונדיגע הענט;
ארונטער צו וואַרפן דעם יאָך פון די דריקער,
פאַרלאָזן דעם גלות, די פינסטערע ווענט.

און אויך ווען צו שטאַרבן אין מיטן דעם שטרעבן
איז אונז דאָ באַשערט, אים ניט ברייינגענדיק דאָרט,
דאַן וועלן מיר אַנדערן גייסט איבערגעבן,
זיי זאָלן פאַרטרעטן אין שטרייט אונזער אָרט.

*

39. דאָס ליד פון ברויט.

א.

גרויסער גאָט! מיר זינגן לידער—
אונזער הילף ביסט דו אַליין!
נעמט צונויף די סנאָפּעס, ברידער,
ביז די זון וועט אונטערגיין. (2 מאָל)

ב.

לאָז די זון אונז ברענען, בראָטן,
זי האָט אונז געשיינט צום גליק
זעט דאָס ברויט איז אונז געראָטן
קינדער, קיינמאָל ניט צוריק!

ג.

גרויסער גאָט! דו העלפסט דעם מענשן,
אַז ער רופט צו דיר אין נויט!
זאָלסט אונז ווייטער טאָקי בענשן
מיט הצלחה און מיט ברויט! (2 מאָל)

ד.

נעמט-צונויף אייך אלע אינאיינעם
נחת האָבן מיר שוין פיל...
און דעם גאָלדנעם קראַנץ, דעם שיינעם
פון די זאַנגען טראָגט אין שול. (2 מאָל)

ה.

לאָזן אונזרע קינדער וויסן
פון אַ לעבן אויף דער וועלט,
אַז דאָס ברייט און יעדער ביסן
איז פון אונזער אייגען פעלד!... (2 מאָל)

ו.

גרויסער גאָט! מיר זינגן לידער—
דו ביסט אונזער הילף אליין!
נעמט-צונויף די סנאָפּעס, ברידער,
ביז די זון וועט אונטערגיין (2 מאָל)

▽

36. דאָס ליד פון ירושלים.

רעפרען:

זינגט זשע אַלע אידאַלעך (2 מאָל)
דעם נגון דעם נייען (2 מאָל)
לערנט אייך די לידעלעך פון ירושלים (2 מאָל)

א.

אויף די הויכע בערגער —
כּרמל הר הזיתים, (2 מאָל)
שפּאַצירן קינדער קליינע
ישראל עם קדשים. (2 מאָל)

זינגט זשע...

ב.

תּבואה וועלן מיר זייען,
מעשר וועלן מיר געבן (2 מאַל)
מיר וועלן זיך אַלע פרייען
ישראל מיט אונזער לעבן (2 מאָל)

זינגט זשע...

ג.

דריי מאָל אַ יאָר
וועלן מיר עולה רגל זיין (2 מאָל)
נסכים וועלן מיר ברייגנען
פון דעם בעסטן וויין. (2 מאָל)

זינגט זשע...

ד.

דעמאָלט וועט גאָט זאָגען,
אַזוי איז מיר געפעלן, (2 מאָל)
דעם בית-המקדש זאָלט איר בויען,
דעם מזבח זאָלט איר שטעלן. (2 מאָל)

זינגט זשע...

*

40. שם בארץ.

שם בארץ חמדת אבות
תתגשמנה כל התקות
שם נחיה ושם נצור
חיי חפש חיי דרור
שם תהי השכינה שורה
שם תפרח גם שפת התורה

שירו שיר שיר שיר
נירו ניר ניר ניר
גילו גיל גיל גיל
כבר הנצו נצנים,
שירו . . .
עוד יבאו זרעונים.

*

41. אל טל ואל מטר.

אל טל ואל מטר — דמעי ירטיבו
ציון את הרריך;
לא אש ושמש — דמינו יאדימו,
ציון, את שמיך.

ואד יעלה מדמעות עינינו
והיה למטר שמים,
ומי מנוחות ירגיעו רוחנו,
את רוח אבלי ירושלים.

נחם לנפש, דמע עינים
ומרפא לרוח נשברת;
לנדכאי לב יאמץ ידים
וישביח נפש סוערת.

*

42. מה נשמע בארץ-ישראל.

א.

מה נשמע בארץ ישראל? (3 פעמים)
אַך טוב! אַך טוב! אַך טוב!

הירדן גועש,
הלבנון רועש,
והכרמל זה ההר —
שמשו זרח,
גפנו פרח,
והזית עלה כבר.

ב.

מה נשמע בירושלים? (3 פעמים)
אַך טוב! אַך טוב! אַך טוב!

יהודים חיים
בירושלים
עומדים, עומדים ובוכים שם,
בוכים, בוכים,
ומתפללים
ומשתחוים לפני רם.

ג.

מה נשמע בגליל? (3 פעמים)
אַך טוב! אַך טוב! אַך טוב!

יהודים גרים,
בין ההרים,
ולמשיח מקוים.
ולפעמים.
בין המצרים
אַך יצילם אלהים.

ד.

מה נשמע בגלות? (3 פעמים)

אַך רע, אַך רע, אַך רע.

יהודים חיים,
בין הגוים;
סובלים צרות רבות שם.
הולכים שחוחים,
ונאנחים,
ותקוות נחמתם.

ליריש־ראמאנטישע
און
פאלקסטימליכע לידער.

34. שם שועלים יש.

א.

בואי נא, ילדתי,
בואי נא, נשמתי,
בואי נא, תמתי,
יונת חן שלי,

שם שועלים יש
בחור טוב שלי,
שם שועלים יש,
חביבי שלי.

ב.

גרשים נא, ילדתי,
גרשים נא, נשמתי,
גרשים נא, תמתי,
יונת חן שלי;

במה אגרשם?
בחור טוב שלי,
במה אגרשם
חבבי שלי.

ג.

באקדח...
היכן אקדח יש?...

ד.

בסכתי...
היכן סכתך?...

ה.

בכרמי...
שם שועלים יש...

*

43. הבה נגילה.

הבה נגילה, הבה נגילה,
הבה נגילה, הא נשמחה.
הבה נרננה, הבה, הבה נרננה.
עורו, עורו, עורו אחים,
עורו אחים בלב שמח,
עורו אחים בלב שמח.

45. לא ביום ולא בלילה.

(באָטן נר׳ 17.)

א.

לא ביום ולא בלילה
חרש אצא לי אטילה
לא בהר ולא בבקעה
שטה עמדה שם עתיקה

ב.

והשטה פותרה הידות
ומגידה היא עתידות
את השטה אשאל אני:
מי ומי יהי חתני?

ג.

ומאין יבוא, שטה, —
המפולין אם מליטא?
הבמרכבה יעבר שבילו,
אם במקלו ובתרמילו?

ד.

ומה יביא לי שלומים:
חרוזי פנינים אם אלגמים?
ומה תארו: צח אם שחור?
אלמן הוא אם עודו בחור?

ה.

שמא זקן, שטה טובה,
אז לא אשמע, אז לא אבה.
אמר לאבי: המתני — וביד זקן אל תתנני!
לרגליו אפל ואשקן: אך לא זקן, אך לא זקן!

ח. נ. ביאליק.

46. אונטער די גרינינקע בוימעלעך.

(נאָטן נר׳ 18.)

אונטער די גרינינקע בוימעלעך
שפּילן זיך משה׳לעך שלמה׳לעך.
ציצית, קאַפּאָטקעלעך, פּאה׳לעך,
אידעלעך, פריש פון די אייעלעך.

גופים׳לעך שטרוי, רויך און פעדערלעך;
נעם צובלאָז זיי אויף שטיקעלעך,
כאַפּן זיי אויף גרינגע ווינטעלעך,
און ס׳צוטראָגן זיי פויגעלעך.

נאָר איין זאַך פאַרמאָגן זיי — אויגעלעך,
די אויגן פאַרמאָגן צוויי פינטעלעך,
וואָס גליען, און פינקלען און טוקען זיך,
עפּיס ווי נביא׳יש און וואונדערליך.

קוקן זיך אום און פאַרטראַכטן זיך
אויף נעכטיגע טעג און אויף פויגעלעך,
אוי, מיר זאָל זיין, אידישע קינדערלעך,
פאַר אייערע כשר׳ע אויגעלעך!

47. מיין באָבעניו.
(וויגענליד)

א.

איך געדייגק ווי מיין באָבעניו
האָט מיך געוויגט אין מיין וויגעניו.
איר זיסע שטים קלינגט נאָך אין מיין אויערל,
איר שיין געשטאַלט — אין איר שלייערל.

וואו ביסטו, באָבעניו, טייערע דו מיין?
וויג מיך דאָך אַ ביסעלע, דיין אייניקל, איין!

ב.

דו האָסט מיר געזונגען דאָס ליד מיט דער ציקעלע,
מיט דיין דאַרע האַנט געוויגט מיין וויגעלע:
„ראָזינקעס-מאַנדלען איז די בעסטע סחורה,
און דו וועסט קענען לערנען תּורה".

וואו זיינען די ראָזינקעס? די תּורה, די שיין?
נו וויג מיך דאָך אַ ביסעלע, דיין אייניקל, איין!

ג.

די ראָזינקעס זיינען געוואָרן פאַרדאָרבן,
און מיין ליבע באָבעניו איז מיר אָפּגעשטאָרבן.
ניטאָ קיין מאַנדלען, ניטאָ קיין סחורה;
ניטאָ קיין לידעלע, ניטאָ קיין תּורה...

נו שלאָף זשע, שלאָף זשע, באָבעניו מיין,
בעט אויס פאַר דיין אייניקל —
אַ גוטער איד צו זיין!

*

48. די בייקע.

א

דער טאַטע איז געפאָרן קיין באַלטע,
דער טאַטע איז געפאָרן קיין באַלטע,
און אַז ער איז געקומען פון באַלטע,
האָט ער מיר געבראַכט — אַ בייקע.

ב.

ווער וועט דיר נייען די בייקע? (2 מאָל)
שׂרה די מאָדיסטקע, מאַמע, דייקע,
אָט זי וועט מיר נייען די בייקע.

ג.

און ווען וועסטו אָנטאָן די בייקע? (2 מאָל)
שבת נאָכן קוגעל, מאַמע, דייקע,
וועל איך אָנטאָן די בייקע.

ד.

און וואו וועסטו גיין אין דער בייקע? (2 מאָל)
צו דעם פעטער יוס׳ל, מאַמע, דייקע,
צו אים וועל איך גיין אין דער בייקע!

ה.

מיט וועמען וועסטו זיצען אין דער בייקע? (2 מאָל)
מיט זיין שיינעם בחור, מאַמע, דייקע,
מיט אים וועל איך זיצן אין דער בייקע!

ו.

און וואָס וועט זיין דער סוף פון דער בייקע? (2 מאָל)
אַז ער וועט מיר נעמען, מאַמע, דייקע,
אָט דאָס וועט זיין דער סוף פון דער בייקע.

*

49. חאַצקעלע.

א.

חאַצקעלע, חאַצקעלע! שפּיל מיר אַ קאַזאַצקעלע
און חאַטש אַן-אָרימע, אַבי אַ חוואַצקע.
אָרים איז ניט גוט, אָרים איז ניט גוט,
לאָמיר זיך ניט שעמען מיט אייגענע בלוט.

ב.

חאַצקעלע, חאַצקעלע! שפּיל זשע מיר אַ דומע,
און חאַטש אַן-אָרימע, אַבי אַ פרומע!
אָרים איז ניט גוט, אָרים איז ניט גוט,
לאָמיר זיך ניט שעמען מיט אייגענע בלוט.

ג.

חאַצקעלע, חאַצקעלע! שפּיל זשע מיר אַ זעמעלע
פאַר אַ דרייערל אויף חאַסקע׳ס קרעמעלע.
אָרים איז ניט גוט, אָרים איז ניט גוט,
לאָמיר זיך ניט שעמען מיט אייגענע בלוט.

ד.

ניט קיין געבעטענע, אַליין געקומענע,
חאַטש אַן-אָרימע, דאָך פאָרט אַ מומע!
אָרים איז ניט גוט, אָרים איז ניט גוט,
לאָמיר זיך ניט שעמען מיט אייגענע בלוט!

.50 די מעזינקע אַרויסגעגעבן.

א.

העכער, בעסער,

די ראָד, די ראָד מאַכט גרעסער!
גרויס האָט מיך גאָט געמאַכט,
גליק האָט ער מיר געבראַכט,
הולעט קינדער אַ גאַנצע נאַכט:
די מעזינקע אַרויסגעגעבן! (2 מאָל)

ג.

שטאַרקער, פריילעך,

דו די מלכּה — איך דער מלך,
אָי, אָי, איך אַליין
האָב מיט מיינע אויגן געזען,
ווי גאָט איז מיר מצליח געווען!
די מעזינקע אַרויסגעגעבן! (2 מאָל)

ג.

איציק-שפּיציק!

וואָס שוויגסטו מיט'ן שמיציק?
אויף די כּלי-זמר גיב אַ געשריי,
צי שפּילן זיי, צי שלאָפן זיי?
רייסט די סטרונעס אַלע אויף צוויי,
די מעזינקע אַרויסגעגעבן! (2 מאָל)

ד.

אייזיק-מאַזיק,

די באָבע גייט אַ קאָזיק,
אָן עין-הרע זעט, נאָר זעט,
ווי זי טופּעט, ווי זי טרעט,
אָי אַ שמחה, אָי אַ פריידן!
די מעזינקע אַרויסגעגעבן! (2 מאָל)

*

51. יאָמע, יאָמע.

א.

יאָמע, יאָמע, שפּיל מיר אַ לידעלע,
וואָס דאָס מיידעלע וויל —
דאָס מיידעלע וויל אַ פּאָר שיכעלעך האָבן,
מוז מען גיין דעם שוסטער זאָגן . . .
— ניין, מאַמעשי, ניין, —
דו קאָנסט מיך נישט פאַרשטיין,
דו ווייסט ניט, וואָס איך מיין!

ב.

יאָמע, יאָמע, שפּיל מיר אַ לידעלע,
וואָס דאָס מיידעלע וויל —
דאָס מיידעלע וויל אַ קליידעלע האָבן,
מוז מען גיין דער שניידערין זאָגן . . .
— ניין, מאַמעשי א. אַ. וו.

ג.

יאָמע, יאָמע, שפּיל מיר אַ לידעלע,
וואָס דאָס מיידעלע וויל —
דאָס מיידעלע וויל אַ היטעלע האָבן,
מוז מען גיין דער פּוצערקע זאָגן . . .
— ניין, מאַמעשי א. אַ. וו.

ד.

יאָמע, יאָמע, שפּיל מיר אַ לידעלע,
וואָס דאָס מיידעלע וויל —
דאָס מיידעלע וויל אַ פּאָר אוירינגלעך האָבן,
מוז מען גיין דעם גאָלדשמיד זאָגן . . .
— ניין, מאַמעשי א. אַ. וו.

ה.

יאָמע, יאָמע, שפּיל מיר אַ לידעלע,
וואָס דאָס מיידעלע וויל —
דאָס מיידעלע וויל . . . אַ חתן האָבן,
מוז מען גיין דעם שדכן זאָגן . . .
— יאָ, מאַמעשי, יאָ,
דו קאָנסט מיך שוין פאַרשטיין —
דו ווייסט שוין, וואָס איך מיין!

52. מאַרגאַריטקעלעך.

א.

אין וועלדל ביים טייכל, דאָרט זיינען געוואַקסן
מאַרגאַריטקעלעך, עלנד און קליין —
ווי קליינינקע זונען מיט ווייסינקע שטראַלן,
מיט ווייסינקע טראַ-לאַ-לאַ-לאַ.

ב.

געגאַנגען איז חוה׳לע שטיל און פאַר׳חלומ׳ט,
צולאָזן די גאָלד-בלאָנדע צעפּ, —
דאָס העלזל ענטבלויזט, און געמורמלט-געזונגען
אַ לידעלע טראַ-לאַ-לאַ-לאַ.

ג.

דאָ קומט איר אַנקעגן אַ בחור אַ שוואַרצער,
מיט לאָקן מיט שוואַרצע, ווי פּעך;
ער פלאַמט מיט די אויגן און ענטפערט איר לוסטיק,
און ענטפערט איר: טראַ-לאַ-לאַ-לאַ.

ד.

— וואָס זוכסטו דאָ, מיידל? וואָס האָסטו פאַרלאָרן?
וואָס ווילסטו געפינען אין גראָז?
„איך זוך מאַרגאַריטקעס״, — פאַררויטעלט זיך חוה,
פאַררויטעלט זיך, — טראַ-לאַ-לאַ-לאַ.

ה.

— דו זוכסט נאָך? און איך האָב שוין טאַקי געפונען
די שענסטע מאַרגאַריטקע אין וואַלד,
אַ מאַרגאַריטקע מיט צעפּ און מיט אויגן סאַפּירען
מיט אויגעלעך טראַ-לאַ-לאַ-לאַ.

ו.

— ניין, כ׳האָב שוין מאַרגאַריטקעס! איך האָב זיך פאַרגעסן
איך זוך... דאָ ניט ווייט איז אַ קוואַל...
— דער קוואַל איז געשלאָסן, אָן מיר בלייבסטו דורשטיק
ביים קוועלכעלע טראַ-לאַ-לאַ-לאַ.

ז.

— איך וויל גאָרניט טרינקען: איך זוך מיר אַ שאָטן,
די זון באַקט אריין אַזוי הייס...
— מיינע האָר זיינען שוואַרצער און קילער ווי שאָטנס
אין וועלדעלע טראַ-לאַל-אַ-לאַ.

ח.

— אָ לאָז מיך, מען טאָר ניט, די מאַמע זאָגט, מען טאָר ניט!
מיין מאַמע איז אַלט און איז בייז.
וואו מאַמע? וואָס מאַמע? דאָ זיינען נאָר בוימער,
נאָר בוימעלעך, טראַ-לאַ-לאַ-לאַ.

ט.

— „מען זעט" — קיינער זעט ניט; „מען הערט" — קיינער הערט ניט,
דאָס וועלדל איז בלינד און געדיכט.
אומאַרעם מיך, זיסע, דו זעסט איך בין רוהיג,
איך קוש דיך נור טראַ-לאַ-לאַ-לאַ.

י.

דו ליבסט מיך? איך ליב דיך! דו שעמסט דיך? איך שעם זיך.
אָ, ליב מיך און שעם דיך און שוייג.
און זע, ווי עס מישן זיך פעך-שוואַרצע קרויזן
מיט גאָלדענע — טראַ-לאַ-לאַ-לאַ.

די זון איז פאַרגאַנגען, דער בחור פאַרשוואונדן
און חוה׳לע זיצט נאָך אין וואַלד.
זי קוקט אין דערווייטן און מורמלט פאַר׳חלומ׳ט
דאָס לידעלע: טראַ-לאַ-לאַ-לאַ.

53. גיי איך מיר שפּאַצירן.

א.

גיי איך מיר שפּאַצירן —

טרא-לא-לא, לאַ-לא-לא, לאַ! (בּיס)

טרעפט מיך אָן אַ בּחור — אַהאַ! אַהאַ! (בּיס)

בּ.

ער זאָגט, ער וועט מיך נעמען —

טראַ-לאַ-לאַ, לאַ-לאַ-לאַ, לאַ! (בּיס)

ער לייגט עס אָפּ אויף זומער — אַהאַ! אַהאַ! (בּיס)

ג.

דער זומער איז געקומען —

טראַ-לאַ-לאַ, לאַ-לאַ-לאַ, לאַ!

ער האָט מיך ניט גענומען — אַהאַ! אַהאַ! (בּיס)

*

54. פון וואַנען נעמט זיך אַ ליבע.

א.

פון וואַנען נעמט זיך אַ ליבע ?
פון זיצן און פון ריידן און פון לאַכן (ביס)
אונזער ליבע האָט זיך געשלאָסן
פון איינס ביז צוויי אין דערנאַכט. (ביס)

ב.

ווען ס׳האָט אונזער ליבע זיך געשלאָסן,
האָט קיינער דערפון ניט געוואוסט, (ביס)
און היינט קלינגט דאָך אין אַלע גאַסן,
אַז אונזער ליבע איז שוין אויס! (ביס)

ג.

גענוג שוין צו ריידן און צו שמועסן,
זעה, פיר דאָך מיר שוין גיכער אָפּ אַ היים! (ביס)
וואָס פאַר אַ תּירוץ זאָל איך זאָגן
מיין ליבער מאַמען אין דערהיים ? (ביס)

ד.

— דעם ערשטן תּירוץ זאָלסטו זאָגן,
אַז דו האָסט היינט געאַרבעט זייער שפעט; (ביס)
דעם אנדערן תּירוץ זאָלסטו זאָגן:
דו האָסט פאַרבלאָנדזשעט אין דעם וועג. (ביס)

ה.

דעם דריטן תּירוץ זאָלסטו זאָגן:
דו האָסט זיך היינט געבאָדן אין דעם פלוס; (ביס)
דעם פערטן תּירוץ זאָלסטו זאָגן:
דו האָסט געפונען שוין דיין וואונש...

*

55. דאָס העמערל.

(נאָטן נר׳ 21.)

א.

אָ, העמערל, העמערל, קלאַפּ!
שלאָג שטאַרקער אַ טשוועק נאָך אַ טשוועק!
קיין ברויט איז אין שטוב שוין ניטאָ,
נאָר צרות און לייד אָן אַן עק. (2 מאָל)

ב.

אָ, העמערל, העמערל, קלאַפּ!
עס שלאָגט שוין דער זייגער באַלד צוועלף –
די אויגען, זיי מאַכן זיך צו, –
גיב כח, אָ גאָטעניו, העלף!...

ג.

אָ, העמערל, העמערל, קלאַפּ!
שלאָג שטאַרקער די טשוועקעס, שלאָג גיך!
ביז מאָרגן מוז פאַרטיג שוין זיין
דער גבירה׳טעס טאָכטערס שיך. (2 מאָל)

ד.

אָ, העמערל, העמערל, קלאַפּ!
ניט גליטש פון מיין האַנד זיך ארויס!
מיין איינציגער שפייזער ביסטו,
פון הונגער אָן דיר גיי איך אויס! (2 מאָל)

*

קינסטלערישע לידער·

56. גיך וועסטו, פינסטערע נעכטל, אַוועק פליען.

(„Ноченька“ פון דער אָפּער „דעמאָן“)

מוזיק פון רובינשטיין.

גיך וועסטו פינסטערע
נעכטל אַוועקפליען.
אָקאָרשט - טאָג וועלן מיר
ווייטער שוין גיין.

ווי נור די זון וועט אין הימל באַווייזן זיך,
וועט זי אונז פריילעך באַלייכטן דעם וועג.
טייערע, פלינקע פערד וועלן מיר אָנזאָטלען,
ס'וועט אונזער שאַרפער שווערט
בלאַנקען, אַ שרעק!

זינגענדיק, טאַנצענדיק,
פויקענדיק וועלן אונז
פרויען באַגעגענען
מאָרגן פון וועג! (2 מאָל).

גיך וועסטו פינסטערע
נעכטל אַוועקפליען.
אָקאָרשט - טאָג וועלן מיר
ווייטער שוין גיין.

איבערזעצונג פון מ. ריוועסמאַן.

*

57. הערבסט ליד.

(מענדעלסאָן).

א.

גליקליכע טעג! איר זייט גיך פאַרשוואונדן,
ס'קומט נאָך דעם פרילינג דער ווינטער צוריק.
יוגנט און פרייד! איר ווערט גיך פאַרלאָרן,
צער און אומעט פאַרשטערט אונזער גליק.

ב.

ס'ווערן די פויגעלעך אויך שוין פאַרפאַלן,
אַנדערס-וואו זוכן זיי וואַרימע שטראַלן,
ס'איז אויף דעם פעלד שוין ניטאָ מער קיין בלום,
ס'איז אויף דעם פעלד שוין ניטאָ קיין בלום.
אומעטיק, עלנד אַרום, אַרום.

ג.

ס'איז אויף דעם פעלד שוין ניטאָ מער קיין בלום,
אומעטיק, עלנד אַרום, אַרום!
יוגנט און פרייד! איר ווערט גיך פאַרלאָרן,
צער און אומעט פאַרשטערט אונזער גליק!
ווי גיך! אָוי ווי גיך! (3 מאָל)
אָוי ווי גיך.

איבערזעצונג פון ריוועסמאַן.

58. אַ ווינטער ליד.
(הוליעט־הוליעט).

א.

הוליעט, הוליעט, בייזע ווינטן,
פריי באַהערשט די וועלט!
ברעכט די צווייגן,
וואַרפט די בוימער,
טוט וואָס אייך געפעלט!

ב.

טרייבט די פויגל פון די וועלדער
און פעריאָגט זיי פאָרט!
די וואָס קענען ווייט ניט פליהען,
טויט זיי אויפן אָרט!

ג.

רייסט די לאָדנס פון די הייזער,
שויבן ברעכט אויס!
ברענט אַ ליכטל ערגעץ דונקל, —
לעשט מיט צאָרן אויס!

ד.

הוליעט, הוליעט, בייזע ווינטן,
יעצט איז אייער צייט:
לאנג וועט דויערן דער, ווינטער,
זומער איז נאָך ווייט!...

א. רייזען.

59. די קירכנגלאָקן.

א.

אָי, וואָס קלינגט איר, קירכנגלאָקן,
הערט שוין אויף, גענוג געשראָקן
האָבן אײַערע ווילדע טענער
אונזער אָרימע וועלט.
איר דערמאָנט מיר אַלטע רוחות
די קאַטוילישע מלוכות,
וועלכע האָבן עשאַפאָטן הויכע אויפגעשטעלט.

ב.

אײַערע טענער רופן הענקער
צו מאַרטירן יעדן דענקער,
יעדן קאָפּ אַראָפּצוהאַקן,
וועלכער בויגט זיך ניט.
איר ווילט די גאַנצע וועלט פאַרוויגן
אין אַ אומעטיקן נגון
און איר אָנטאָן אין אַ מאַנטל
פון אַ יעזואיט.

ג.

איך האָב אַ נײַע גלאָק באַשאַפן
צו ערוועקן טויטע שקלאַפן,
ניט אין קירכן, אין דער לופטן
הײַנג איך זי אַרויס.
ניט צו שרעקן, נאָר צו וועקן
די גאַנצע וועלט אין אַלע עקן,
רופט זי פריילעך, רופט זי מוטיק:
שטייט צום לעבן אויף!

*

60. ברודער, פריינט מיינער.

פון נאַדסאָן.

א.

ברודער, פריינט מיינער, מידער און ליידענדער פריינט,
ווער דו ביסט, פאַל ביי זיך ניט אַראָפּ;
ווען דו זעסט, אַז עס קעניגט דאָס בייז נאָך ביז היינט,
און דאָס אונרעכט הויבט אויף שטאָלץ זיין קאָפּ.

ב.

ווען דו זעסט, אַז צוטראָטן איז דיין אידעאַל
און צושפּאָט איז דיין שטרעבן צו גליק —
גלויב און וואַרט, — ס'וועט ערשיינען אַ ליכטיגער שטראַל
און ס'וועט קומען די ליבע צוריק!

ג.

גלויב, ס'וועט קומען די שיינע, די גליקליכע צייט,
ס'וועט ניט זיין מער קיין גוואַלדיגער טויט,
קיינע הערן, קיין קנעכט, קיין מלחמות, קיין שטרייט,
און קיין ביטערע פינסטערע נויט.

ד.

אָ מיין פריינד, אָט די צייט איז קיין חלום ביינאַכט,
ניט קיין טרייסט אום צו שטאַרקן דעם מוט,
מיד מוז ווערן די וועלט פון דעם שרעקליכן שלאַכט,
פון די טייכן פון טרערן און בלוט.

ה.

און פאַרשטיין וועט די וועלט, אַז נאָר ליבע אַליין,
מענשן-ליבע אַליין איז דאָס גליק,
און וועט ווענדן צום הייליגן גרויסן געפיל
מיט געבעט און מיט ביינקשאַפט איר בליק.

איבערזעצונג פון ל. לעוויטין.

נאטן ביילאגע.

Arutusel

„ " 19 a.

ARHIIVAAL LIIK 2
ALAL HOIDA KUNI 19 42 a.

Võru I jaoskonna rahukohtuniku

TSIVIIL AKT

August Taal / Mart Riik

Georg Müürsepp

28,73 kr. suuruses

Kolmas isik

Alatud 5 veebr. 1932 a.

Seisma jäetud 19 a.

Uuendatud 19 a.

Tagaselja otsustatud 19 a.

Lõpetatud 8. Feb. 1932 19 a.

Nr. 358

1932 a.

Vorm 2.